# פרשת כי תבא ט"ו – כ"א אלול תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תבא***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל כתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי משפחת הר"ר **אברהם ברייער** הי"ו, שהתקיים בבית **הגה"צ אב"ד היכנוב שליט"א**. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הרה"ג רבי **שמשון ראאב** שליט"א, עב"ג הר"ר **ברוך הלל פאלקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **דוד זינגער** הי"ו, שהתקיים באולם פאפא קידוש זאל.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הרה"ג רבי **שמשון ראאב** שליט"א, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת כי תבא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **מאיר סאלאמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון ביכורים, ולקחת מראשית כל פרי האדמה (כו-א), מען האט געדארפט נעמען די ראשית פרי האדמה, און ארויפברענגען אין בית ה', און געבן פאר די כהנים. דער **ערוגת הבשם** (בפרשתנו ד"ה ועתה), ברענגט צו פון **רבי אשר'ל ראפשיצער זי"ע**, אז די ערשטע אות פון די צוויי ווערטער 'פרי האדמה', איז א פ"א און א ה"א, די אותיות פ"ה. זאגט ער, 'ועתה הנה הבאתי', איך האב געברענגט, 'את ראשית פרי האדמה' (כו-י), די אנהייב פון די צוויי ווערטער 'פרי האדמה', וואס דאס איז פ"ה, און ער זאגט כדרכו, אז מען דארף זיך מקדש זיין דאס מויל פארן אייבערשטען. - פ"ה איז אויך בגימטריא מיל"ה, קומט אויס, אז אינעם פסוק ועתה הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה, איז אויך דא א רמז אויף מצות מילה. די ראשית פון פרי האדמה, איז בגימטריא מיל"ה.

**די** ערשטע תבואה וואס איז געוואקסען אויפן פעלד, האט מען געדארפט ברענגען צום בית ה', און עס געבן פארן כהן אלץ ביכורים, צו ווייזען אז א יוד דארף מקדש זיין יעדע ראשית פארן אייבערשטען. די תורה טוט שטענדיג מחשיב זיין די ראשית, אז די אנהייב דארף זיין קודש לה', ווייל בתר רישא, גופא אזיל (עירובין מא.). ווי אזוי מען הייבט אן א זאך, לויט דעם ציהט זיך עס ווייטער. דאס ערשטע קינד וואס מען האט, זאגט די תורה (שמות יג-ב) קדש לי כל בכור, מען דארף אים מקדש זיין. אפילו ווען א בהמה האט געבוירן דאס ערשטע קינד, איז דא קדושת בכור. ראש חודש, די אנהייב פונעם חודש, האט אין זיך א קדושה. ראש השנה, דער אנהייב פונעם יאר, האט אין זיך א קדושה. מצות ביכורים לערנט, אז מען דארף מקדיש זיין דעם ראשית פארן אייבערשטען.

**די** עיקר זעהט מען עס ביי די מצוה פון מילה. דער אייבערשטער האט געהייסען, אז א קליין קינד וואס איז אכט טאג אלט, זאל מען מל'ן און מכניס זיין בבריתו של אברהם אבינו. צו ווייזען אז מען דארף מקדש זיין דאס קינד תיכף אין אנהייב. קוים ווען עס לעבט נאך א פאר טאג, די ערשטע געלעגענהייט וואס מען קען, דארף מען מל'ן א קינד, און פארגיסן זיין בלוט, אים מקדש זיין פארן אייבערשטען מיט מסירת נפש. - קומט אויס, אז ביכורים מיט מילה, ווייזעןביידע אויף די זעלבע ענין. ביכורים ווייזט אז דער ראשית דארף מען מקדש זיין פארן אייבערשטען, און מילה ווייזט אויך, אז דער אייבערשטער האט געהייסען מל'ן א קינד ביים אכטן טאג.

**ביי** די מצוה פון ביכורים זאגט די תורה, 'ולקחת', לערנען ווערט אויך אנגערופן לקיחה. די זאלבסט

זיך אראפלערנען, 'מראשית כל פרי האדמה', פון די ראשית פון די צוויי ווערטער פרי האדמה, וואס דאס איז דאך מילה, פון דעם זאלסטו זיך אראפלערנען צו פארשטיין, אז די תוכן פון ביכורים מיינט נישט נאר דווקא אז פון די פירות זאל מען ברענגען ביכורים. נאר פונקט ווי ביי פרי אדמתך דארף מען ברענגען ביכורים, דארף מען ביי די פרי בטנך אויך מקדש זיין די ראשית פארן אייבערשטען.

*

**ביי** די מצוה פון מילה, זאגט די גמרא (שבת קל.) אז עס איז א מצוה שקיבלו עליהם בשמחה, די מצוה האט מען מקבל געווען בשמחה, ועדיין עושין אותה בשמחה. כאטש מען איז מצער א קינד, עס איז דא צערא דינוקא, פון דעסטוועגן דאך טוט מען עס בשמחה. מען זאגט ביים דאווענען, אנכי ה' אלקיך המעלך מארץ מצרים, הרחב פיך ואמלאהו (תהלים פא-יא). מען לערנט יעצט מסכת עירובין (במסגרת חבורת 'ובהם נהגה'), די גמרא (עירובין ג:) זאגט, אז מען קען מעסטן אמות אויף צוויי ערליי וועגן. עס איז דא אמות שוחקת, עס איז דא פרייליכע אמות, און עס איז דא אמות וואס זענען עצבות, עס איז דא צוגעלייגטע אמות.

**וואס** דער פשט דערפון איז, עס איז דא אמות וואס מען רעכנט ברייטערהייט, דאס ווערט אנגערופן אמה שוחקות. און ווען די אמה איז מצומצם, ווערט עס אנגערופן אמות עצבות. פארוואס הייסט דאס שוחקות, און דאס הייסט עצבות. שטייט אין די מפרשים, ווען א מענטש שמייכלט, ווערט אים ברייט דאס מויל, און ווען ער איז ערנסט איז אים צוזאמגעצויגן דאס מויל. ווען מען וויל זאגן א ברייטע אמה, זאגט מען אמה שוחקות, דאס איז א שמייכל'דיגע אמה, עס איז א ברייטע אמה.

**קומט** אויס, אז הרחב פיך דאס ווייזט אויף שמחה. בשעת א מענטש איז פרייליך, איז הרחב פיך, טוט ער זיך פארברייטערן דאס מויל. די תורה וויל זאגן, אז א יוד וואס איז יעדע זאך מקבל בשמחה, ווי אזוי דער אייבערשטער פירט מיט אים, איז ער עס מקבל מיט א פרייליכקייט, 'הרחב פיך', זיין מויל איז ברייט, זיין מויל איז נישט צוגעלייגט, עס איז שוחקות, 'ואמלאהו', טוט עס דער אייבערשטער אנפילן נאכדעם מיט ברכות. - מצות מילה איז א מצוה וואס איז קבלו עליהם בשמחה, ועדיין עושין אותה בשמחה, זאל זיין הרחב פיך ואמלאהו.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **משה שמואל שאנבערגער** הי"ו (חתן הר"ר **חיים יהודא שפיץ** הי"ו), שהתקיים באולם רענעסאנס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **יואל וואלפין** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה), עב"ג בת הר"ר **ירחמיאל ביער** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים ויזניץ.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית מנאראל ע"ה (אשת **כ"ק האדמו"ר מנאראל שליט"א**, בני ברק).

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג ועלה לבית הר"ר **חיים לאנדא** הי"ו לרגל נדבת המשפחה בור טבילה בהמקוה בבית המדרש סאמבאטהעלי, לע"נ אביהם הר"ר **יהודא הערש לאנדא** ע"ה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** גמרא (שבת ל:) זאגט, אז א מת וואס איז מוקצה אין שבת, קען מען אים מטלטל זיין, דורך דעם וואס מען לייגט ארויף אויף אים א ככר אדער א תינוק. אין די פוסקים שטייט, אז לאו דוקא א ככר אדער א תינוק, נאר יעדע דבר היתר וואס מען לייגט ארויף אויף א מת, מעג מען אים מטלטל זיין. ביי אנדערע מוקצה'ס איז נישט דא אזא קולא, נאר ביי א מת איז דא אזא קולא. אין יעדע זאך ליגט דאך עפעס א רמז.

**א** מת איז פטור פון אלע מצות, במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.). מען קען דינען דעם אייבערשטען ווילאנג מען איז אויף דעם עולם, אבער שפעטער שטעלט זיך עס אפ. עס איז אבער דא צוויי וועגן, ווי אזוי א מת קען נתעלה ווערן, אפילו ער איז שוין נישט דא אויף דעם עולם. איינס, אז ער האט קינדער וואס גייען בדרכי אבותיו. ברא כרעא דאבוה (עירובין ע:), א קינד איז א חלק פונעם טאטן. אלע מצות און מעשים טובים צו וואס א טאטע האט מחנך געווען זיין קינד, ווערט צוגערעכנט פאר זיין זכות. ער האט דאך צוגעברענגט, אז דאס קינד דינט דעם אייבערשטען.

**נאכדעם** איז דא די מצוה פון צדקה. ווען קינדער געבן צדקה לעילוי נשמתו פונעם מת, ווערט עס אויך גערעכנט אזוי ווי דער נפטר האט עס געגעבן. און דאס האט א מקור ביי מזכיר נשמות. דער **בית יוסף** (או"ח סימן תרכ"א סעיף ו') ברענגט צו א מדרש (ספרי שופטים ר') אויפן פסוק (דברים כא-ח) כפר לעמך ישראל אשר פדית ה', זאגט דער מדרש, כפר לעמך ישראל, אלו החיים, אשר פדית, אלו המתים, די מתים דארפן אויך א כפרה. און ער ברענגט צו א **רוקח** (סימן רי"ז) אז ווען מען גיט צדקה וועגן די מתים, האבן זיי א כפרה, און וועגן דעם איז מען נודר צדקה ביי מזכיר נשמות.

**קומט** אויס, אז ווען מען וויל אז א מת זאל נישט זיין א עומד, נאר ער זאל קענען זיין ווייטער א הולך, איז דא צוויי וועגן, ככר או תינוק. ככר, אז מען גיט צדקה פאר אנדערע וואס איז מרומז אין ככר. און תינוק, דאס זענען די קינדער. מיט די צוויי זאכען קען מען מאכן אז דער מת זאל זיין א הולך און ווייטער אויך. במתים חפשי, ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, ווערט מען א עומד, אבער מען קען אים מטלטל זיין דורך א ככר אדער א תינוק.

*

**די** גמרא (ראש השנה לב:) זאגט, אז ראש השנה זענען די ספרי חיים וספרי מתים פתוחים. מילא די ספרי חיים זענען אפען וויל מען איז דן די חיים, אבער די מתים האלטן שוין נאכן דין, פארוואס עפענט מען אויף די ספרי מתים. בפשטות טייטש מען, אז די לעבעדיגע מענטשען שרייבט מען אריין, אדער אין די ספרי חיים, אדער אין די ספרי מתים.

**דער** פשט דערפון איז, די מתים לאזן דאך איבער קינדער, און די קינדער טוען מצות און מעשים טובים, וואס דאס ווערט צוגערעכנט פאר די עלטערן. און אויב עס איז ח"ו פארקערט, איז דא א פגם אין די עלטערן. ווען מען איז דן די קינדער, מען איז דן די ספרי חיים, נעמט מען אפיר אויך די ספרי מתים. דאס קינד איז געווען אזוי און אזוי, וואס האט דער טאטע צוגעטון דערצו, אדער וואס איז דער טאטע שולדיג דערצו, אדער וואס האט מען געטון פאר דעם טאטן. ראש השנה זענען די ספרי חיים וספרי מתים פתוחים, מען איז דן סיי אויף די חיים, און סיי אויף די מתים.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **אשר זעליג נאה** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **רפאל אהרן קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **נפתלי מאשקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יצחק טאבאק** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת כי תבא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הגה"צ **רבי יעקב ישכר בער ראזענבוים שליט"א** אב"ד נדבורנא לינסק, שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה (אלמנת הרה"ג **רבי אלי' אריה כהן זצ"ל**, בני ברק).

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **דוד שאהנבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה ווייסהויז** הי"ו, שהתקיים באולם פערעדייס מענאר. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל החתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי יהושע כ"ץ שליט"א** אב"ד מאגרוב, עב"ג בת **הרה"ג אלטר אליעזר הורוויץ שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי ישכר דוב טויב שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מקאלוב שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי יעקב יוסף טווערסקי שליט"א** (נכד כ"ק האדמו"רים מוויזניץ וראחמיסטריווקא שליט"א), שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת כי תבא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרה"ג רבי **נפתלי הירצקא בערגער** שליט"א שהתקיים באולם די מארקיז.

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בת הר"ר **שרגא צבי שפיטץ** הי"ו (מאנסי, בן הר"ר **בן ציון שלום שפיטץ** הי"ו), עב"ג בן הר"ר **שמואל יוסף פעלדמאן** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט אין די גמרא (כתובות יז.) אז עס איז געווען אמוראים וואס האבן משתדל געווען משמח צו זיין חתן און כלה. און רב שמואל בר רב יצחק הוה מרקד אתלת, ער פלעגט צו נעמען דריי הדסים, און ער האט געמאכט אזא קינץ, אז איינס איז געווען אין איין האנט, און דאס צווייטע איז געווען אין די אנדערע האנט, און איינס איז געווען אין די לופט, און ער האט אלץ אזוי געטוישט די הדסים. און דער **מהרש"א** שטעלט זיך, אז על פי דקדוק הלשון וואלט געדארפט צו שטיין, אז רב שמואל הוה מרקד 'בתלת', מיט דריי. 'אתלת' איז טייטש אויף דריי. ער האט נישט געטאנצט אויף דריי, נאר מיט דריי. אין די מפרשים שטייט מערערע כוונות אין די לשון הוה מרקד אתלת.

**עס** קען זיין, מען געפונט אין די גמרא (יבמות סג.) אז דער אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון, און נאכדעם האט ער באשאפן חוה. אעשה לו עזר כנגדו (בראשית ב-יח), ער האט באשאפן א עזר פאר אדם הראשון. און די גמרא זאגט, זכה, עוזרתו, אויב מען איז זוכה ווערט דער בני בית א עזר, זי העלפט אים ארויס. און די גמרא איז מסביר מיט וואס זי ווערט א עזר. זאגט די גמרא, ער ברענגט אהיים חטה, ווייץ, וועט ער דען כוסס זיין די חטה, וועט ער דען עסן ווייץ, נאר זי טוט אים צוגרייטן די עסן, וואס ער זאל עסן דערפון. ער ברענגט אהיים פשתן, פשתן לובש, טוט ער דען אן פשתן, זי טוט אויסארבעטן דעם פשתן און זי מאכט דערפון א בגד. נמצאת, קומט אויס, מאירה עיניו, זי מאכט אים ליכטיג די אויגן, ומעמידתו על רגליו, און זי שטעלט אים אויף די פוס. זאגט די גמרא אז דאס איז דער עזר כנגדו, אז די ווייב טוט אים צוהעלפען, ער ברענגט אריין די מזונות אין שטוב, און זי דארף צוגרייטן, אז ער זאל זיך קענען באנוצן דערמיט.

**אין** די גמרא (שם) שטייט, אז עס איז דא נאך א מעלה וואס א אשה ווערט א עזר פארן מאן. די גמרא דערציילט אויף רבי חייא אז ער האט געהאט זייער א שלעכט ווייב ל"ע. און פון דעסטוועגן דאך, ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געברענגט א מתנה פאר זיין ווייב. און רב האט אים פארגעהאלטן, דו ברענגסט א מתנה, זי טוט דיך נישט אזוי באדינען, אז עס זאל זיך איר קומען א מתנה. האט ער געענטפערט, איך האב פון איר

צוויי נוצן, דיינו שמגדלות בנינו, זי טוט ארויסהעלפען מגדל צו זיין די קינדער. ומצילות אותנו מן החטא, און זי איז מיר מציל פון א חטא. אפילו איך האב נישט די געוועדליכע הילף וואס איז דא בדרך כלל פון א ווייב, אפילו זי טוט נישט רצון בעלה, אבער זי טוט מיר מציל זיין פון א חטא, און זי איז מגדל די קינדער.

**עס** איז דא א טייער ווארט פון **רבי יונתן אייבשיץ זי"ע** (בספרו **תפארת יונתן**), פאריגע וואך אין די פרשה איז די תורה מתיר צו נעמען א יפת תואר, און רש"י (כא-יא) זאגט, לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, די תורה האט נאר גערעדט אקעגן דעם יצר הרע. זאגט רבי יונתן, געווענליך איז דא ביי א אשה צוויי תועלת'ן, איינס שמצילות אותנו מן החטא, און צווייטענס, שמגדלות בנינו. דאס איז דוקא ביי א צנועה, אבער ווען ער האט חתונה מיט א יפת תואר, זאגט דאך די גמרא (סנהדרין קז.) אז ער וועט האבן שפעטער א קינד וואס וועט זיין א בן סורר ומורה. קומט אויס, אז די מעלה וואס זי האט, אז זי איז מגדל די קינדער, דאס וועט נישט זיין ביי א יפת תואר, ווייל זי וועט האבן א קינד א בן סורר ומורה. עס איז נאר געבליבן די איינע זאך, אז זי איז אים מציל מן החטא. זאגט רש"י, לא דברה תורה אלא כנגד היצר הרע, די תורה האט נישט געגעבן די פרשה פון יפת תואר, ער האט נאר אזויפיל פארדינט פון דעם יפת תואר וואס ער נעמט, אז זי איז אים מציל מן החטא. אבער די אנדערע מעלה וואס איז דא, אז זי איז מגדלת בנינו, איז נישט דא ביי א יפת תואר.

**קומט** דאך אויס, אז אויב מען טוט א געלונגענע שידוך, איז דא דריי מעלות ביי דעם שידוך. איינס, אעשה לו עזר כנגדו, ער ברענגט אריין חטים און פשתן, און זי טוט אים צוגרייטען אלעס וואס ער דארף האבן. נאכדעם איז דא די מעלה אז זי איז מגדלות את בנינו. און עס איז דא די מעלה פון מצילות אותנו מן החטא. ווען עס איז דא ביי א אשה די אלע מעלות, איז עס באמת א גוטע שידוך.

**רב** שמואל בר רב יצחק הוה מרקד 'אתלת', ער האט זיך געפריידט ביי א שמחה, ווען עס איז געווען אזא שידוך וואס עס איז ביי איר געווען אלע דריי מעלות. זי איז א עזר כנגדו, און עס איז דא די מעלה פון מצילות אותנו מן החטא, און עס איז דא די מעלה פון מגדלות את בנינו, דעמאלטס קען מען זיך פרייען, און עס איז דא א שמחה.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **משה יוסף הכהן האפפמאנן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה נחמיה איידליס** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***__יום חמישי פרשת כי תבא__***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יהודא צבי אונגאר** הי"ו (חתן הר"ר **ישראל דוד שטיינבערג** הי"ו, ב"פ). אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה והשתתף אצל השבע ברכות של בן הרה"ג רבי **יואל וואלפין** שליט"א, ונשא מדברותיו.

***__וזה תוכן הדברי תורה:__***

**די** בחורים האבן געמאכט א שבע ברכות לכבודו פונעם מגיד שיעור, און איך מיין אז עס האט א שייכות צו די פרשה פון די וואך. די פרשה הייבט זיך אן מיט די מצוה פון ביכורים. ווען דער אייבערשטער האט אונז געגעבן ארץ ישראל, איז געווען די מצוה אז א יעדער יוד האט געדארפט נעמען די ראשית פרי האדמה, און ארויפברענגען פארן אייבערשטען, און דאנקן דעם באשעפער אויף נתינת הארץ. און רש"י זאגט, ואמרת אליו, שאינך כפוי טובה, די אמירה פון די פרשה פון ביכורים איז, אז מיר זענען דאנקבאר פארן

אייבערשטען, אויף וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן, און מיר זענען נישט קיין כפוי טובה. - איך מיין אז די סעודה איז אויך די זעלבע. עס איז א סעודה, א דאנקבארקייט פארן מגיד שיעור, מיר זענען נישט כפוי טובה. מיר זענען מכיר טובה, אויף דעם וואס מען לייגט אריין אין אונז תורה, יראת שמים, און ערליכקייט. ב"ה אטייל בחורים זענען שוין אויסגעשטיגען אין משך פונעם יאר, און אטייל האלטן ביים אנהייב פונעם שטייגען, אבער אלע זענען מיט דעם געדאנק, מיר זענען נישט כפוי טובה, נאר מיר זענען מכיר טוב אויף דעם וואס מען האט געטון פאר אונז.

**רש"י** זאגט, וענית, לשון הרמת קול, דו זאלסט זאגן הויך. עס שטייט אין ספרים הק', אז געוועינליך בשעת א מענטש בעהט פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אים עפעס געבן, בעהט ער מיט א הויך קול. ער שרייט, מיט א תפלה און א צעקה, ער דארף דאס און דאס. ווען דער אייבערשטער גיט עס אים, און עס קומט צו געבן א הודאה, ווען עס קומט צו געבן די דאנקבארקייט, איז עס אסאך מאל נאר אזוי אונטער די נאז. ב"ה איך דאנק דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט מיר געגעבן. ווען א מענטש איז נישט א כפוי טובה, דארף עס זיין וענית, בקול רם. פונקט ווי ווען דו האסט געדארפט האבן די זאך, האסטו געשריגען מיט א הויך קול, אזוי זאלסטו אויך דאנקבאר זיין מיט א הרמת קול.

**מיר** זענען דאנקבאר מיט א הרמת קול, אויף וואס דער מגיד שיעור האט געטון, און וענית, מיר זאגען עס אפענערהייט, מיר שעמען זיך נישט, מיר באהאלטן נישט, מיר זענען נישט כפוי טובה. אונז דאנק מיר אויף דעם וואס דער מגיד שיעור טוט אונז דערהייבן אין תורה און עבודת ה'.

*

**מען** זאגט יעדן טאג צופרי ביים דאווענען, אלו דברים שאין להם שיעור, הפאה והביכורים וכו' (פאה א-א). ביכורים האט נישט א שיעור, די תורה האט נישט געגעבן א שיעור פאר ביכורים, עס איז גענוג אז מען ברענגט איין פרי. און די חכמים וואס האבן יא געגעבן א שיעור, האבן זיי אויך נאר געגעבן א קליינע שיעור, אחד מששים, מען דארף ברענגען איינס פון זעכציג, דאס איז די מצוה פון ביכורים. לכאורה דארף מען פארשטיין, הייסט דאס דען נישט א כפוי טובה. דער אייבערשטער האט אים געגעבן א גאנצע פעלד מיט פירות, און ער ברענגט פארן אייבערשטען איין פרי'לע, און ער זאגט, רבונו של עולם, איך בין נישט קיין כפוי טובה, איך האב דיר געברענגט א טרויבע'לע, איך האב דיר געברענגט א תמר. ווי אזוי פאסט עס? איז דען דאס נישט א כפוי טובה, אז מען ברענגט א קלייניגקייט.

**איך** האב געזען שטיין א מעשה פונעם **נתיבות שלום**, און איך מיין אז מיט דעם וועט מען עס פארשטיין. עס איז געווען אמאל א יוד, וואס איז אדורכגעגאנגען א שווערן זמן. און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, און ער איז ניצל געווארן, און ער האט געפילט אז ער איז שולדיג פארן אייבערשטען אויף דעם חסד וואס דער באשעפער האט מיט אים געטון. און ער האט געהאט פארשידענע פלענער וואס ער זאל טון, מאכן די זאך, אדער א צווייטע זאך, אדער א דריטע זאך. איז ער אריינגעקומען צו זיין רבי'ן, דער נתיבות שלום, עס אדורכצושמועסן. ער האט געהאט א חסד ה', און ער וויל באצאלן פארן אייבערשטען, וואס ער זאל טון.

**האט** אים דער נתיבות שלום געזאגט, [זעהט אויס אז ער האט געקענט דעם מענטש, און ער האט געוואוסט פאר וועם ער דארף עס צו זאגן], איך מיין אז דו זאלסט גארנישט טון. האט ער געזאגט, וואס הייסט אז איך זאל גארנישט טון. האט ער אים געזאגט, אויב דו וועסט טון עפעס וואס דו טראכסט, וועסטו מיינען אז דו ביסט שוין פארטיג יעצט מיטן אייבערשטען. ער האט דיר געגעבן, און דו האסט אים צוריקגעגעבן. איך בין דערנאך, איך האב שוין באצאלט. איך וויל אז דו זאלסט אייביג געדענקן די טובה וואס דער אייבערשטער האט מיט דיר געטון, און דו זאלסט אים בלייבן שולדיג, דו האסט אים נישט באצאלט דערפאר. דאס איז אסאך מער חשוב ביים אייבערשטען, ווי דאס

וואס דו וועסט אים יא געבן, און דו וועסט זיך פילן אזוי גוט, אז דו האסט עס געטון.

**די** תורה האט געהייסען ברענגען ביכורים, דו ביסט נישט א כפוי טובה. ווען דו וועסט ברענגען א שיינע פארציע ביכורים, וועסטו מיינען אז דו האסט שוין יוצא געווען ידי חובתך. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן ארץ ישראל, און איך האב באקומען א פעלד, און איך האב שוין באצאלט, איך האב געברענגט א שיינע שיסל מיט פירות. זאגט דער רבונו של עולם, דו דארפסט טאקע נישט זיין א כפוי טובה, אבער ברענג אזוי פיל, אז דו זאלסט וויסען אז דו ביסט נאך שולדיג געבליבען. ווען דו וועסט ברענגען אביסל, וועסטו וויסן אז דו האסט נישט באצאלט מיט דיין תמר, וויפיל דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, און דו ביסט געבליבן א בעל חוב פארן אייבערשטען. און אפילו ער ברענגט אחד מששים, איז ער נאך אלץ א בעל חוב, דו האסט נישט גענוג געטון וויפיל דו האסט באקומען, דאס איז די מושג פון כפוי טובה. כפוי טובה איז נישט אז מען באצאלט פאר יענעם פאר די טובה וואס מען האט געטון, און מען האט יוצא געווען ידי חובתו, נאר מען דארף וויסען אז מען דארף באצאלן, און מען דארף מכיר טובה זיין, אבער מען בלייבט נאך אלץ שולדיג.

**מען** האט טאקע דא צוגעשטעלט נאר א סעודה קטנה, ווייל מיר זענען נישט קיין כפוי טובה, אבער מיר ווילן נישט יוצא זיין מיט דעם, עס איז נאר א קלייניגקייט וואס מיר האבן געגעבן, אין הארץ שפירן מיר זיך אסאך שולדיג. מיר זענען נישט כפוי טובה, מיר זענען מכיר טוב אויף דעם חסד וואס דער אייבערטער האט אונז מזמין געווען, אז מיר האבן ב"ה ווער עס זאל אונז פירן אויפן ריכטיגען וועג.

*

**די** תורה זאגט די וואך אין די ברכות, ברוך פרי בטנך וגו', ברוך טנאך ומשארתך (דברים כח-ד). דיינע קינדער וועלן זיין געבענטשט, און דיין טנא און דיין משארתך, וועט אויך זיין געבענטשט. טנא איז טייטש א קארב, וואס מען האלט דערין פירות. משארתך דאס איז א שיסל וואס מען האלט דערין טייג. טייג ווערט אנגערופן משארתם, משארותם צרורות בשמלתם על שכמם (שמות יב-לד). דער אייבערשטער האט געזאגט, ברוך טנאך ומשארתך, דו וועסט האבן א ברכה אין דיינע פירות, דו וועסט האבן א ברכה אין דיין מעהל, און אין דיין פת.

**עס** קען זיין לעניננו, ברוך פרי בטנך, דער אייבערשטער גיט א ברכה אז מען האט קינדער. די ברכה וואס דער אייבערשטער גיט, איז נישט נאר אז מען איז געבענטשט מיט קינדער, און זיי האבן אלע גשמיות וואס זיי דארפן צו האבן, זיי זענען געזונט, און זיי האבן פרנסה, זיי האבן וואס מען דארף. נאר די ברכה איז אויך, אז מען שטעלט אויף קינדער תלמידי חכמים וואס זענען עוסקים בתורה, קענען לערנען, און פארשטייען לערנען. און ווען עס קומט די צייט און מען דארף טרעפן א זיווג, שיקט דער אייבערשטער צו א זיווג וואס איז צוגעפאסט, אעשה לו עזר כנגדו, וואס זאל קענען זיין א עזר אויף שפעטער, אז מען זאל קענען עוסק זיין ווייטער בתורה. מען זאל נעמען א בת תלמיד חכם, וואס וועט שעצן תורה. דאס איז די אמת'דיגע ברכה וואס איז דא אין קינדער.

**ש"ס** באשטייט פון ששים מסכתות. ששים המה מלכות (שיר ו-ח), גייט ארויף אויף די ששים מסכתות וואס ש"ס באשטייט (במדב"ר יח-כא). טנ"א באטרעפט זעכציג. 'ברוך פרי בטנך', מיט וואס וועלן זיין געבענטשט דיינע קינדער, 'ברוך טנאך', אז זיי וועלן קענען ש"ס. זיי וועלן קענען תורה, און פארשטיין תורה, און זיין געבענטשט אין תורה, דאס איז ברוך פרי בטנך.

**מען** געפונט אין די תורה (ויקרא כא-ב), אז א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין כי אם לשארו הקרוב אליו. און רש"י טייטשט, שארו זה אשתו (יבמות כב:), דאס ווייב פונעם מענטש, ווערט אנגערופן שארו. פארוואס ווערט אשתו אנגערופן שארו, וואס האט שארו צוטון מיטן ווייב. שטייט אין די מפרשים, אז דער טעם דערפון איז, ווייל דאס לעבן פונעם מענטש איז דאך פארגענגליך, מען בלייבט נישט דא אויף שטענדיג. ימי שנותינו בהם שבעים

שנה, ואם בגבורות שמונים שנה (תהלים צ-י), און נאכדעם לאזט מען אלעס איבער. וואס לאזט א מענטש יא איבער אויף די וועלט, דאס איז די קינדער. ווען מען לאזט איבער דורות וואס זענען ווייטער ממשיך צו דינען דעם אייבערשטען, ווען די קינדער פירן זיך בדרכי התורה, דאס איז די שארית וואס דער מענטש לאזט איבער אויף דעם עולם. ווער גיט פארן מענטש אז עס בלייבט פון אים שפעטער א שארית, דאס איז ווען מען האט חתונה, און זי האט די קינדער, טוט זי צוברענגען דערצו, אז עס זאל בלייבן פונעם מענטש א שארו. אין שארו אלא אשתו, די שארו פונעם מענטש, זיין איבערבלייבעניש, דאס איז אשתו. אז דער אייבערשטער העלפט, אז מען זיצט און מען לערנט, און מען וואקסט אויס א תלמיד חכם, און נאכדעם נעמט מען א בת תלמיד חכם, איז דאס ברוך משארתך, עס איז דא א ברכה אין די שארו וואס דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש.

**דאס** איז ברוך פרי בטנך, די קינדער זאלן זיין געבענטשט אין גשמיות. וברוך טנאך, און זיי זאלן אויסוואקסען אין תורה. און ברוך משארתך, ווען עס קומט צו טון א שידוך, שארו זו אשתו, זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין ברוך.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **יודא ארי'** ני"ו, בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אז ווען דער אייבערשטער וועט געבן ארץ ישראל פאר יודען, און מען וועט צוטיילען ארץ ישראל, און יעדער וועט באקומען זיין נחלה, און זיין פעלד, און עס וועט אנהייבן צו וואקסען די פירות, און ער וועט זעהן תאנה שביכרה, א תאנה הייבט אן געצייטיגט צו ווערן, כורך עליו גמי, זאל ער מאכן דערויף א סימן, און ער זאל עס ברענגען ביכורים פארן אייבערשטען. און ער האט געדארפט ליינען די פרשה פון ביכורים, צו דאנקען דעם רבונו של עולם אויף די טובה וואס דער אייבערשטער האט געטון, אז ער האט אונז געגעבן ארץ ישראל, און מען קען ברענגען די ראשית פרי האדמה.

**עס** שטייט אין די משנה (ביכורים ג-ח), אז מען האט געברענגט די ביכורים אין א קארב. און אמאל האט דער כהן אראפגענומען די ביכורים, און ער האט צוריקגעגעבן די כלי וואס אין דעם האט מען געברענגט די ביכורים, און אמאל האט ער געהאלטן די כלים פאר זיך. עס ווענט זיך ווער עס האט געברענגט די ביכורים. אויב א עושר האט געברענגט די ביכורים, און ער האט עס געברענגט אין א זילבערנע כלי, האט דער כהן נישט צוגענומען די כלי, נאר ער האט צוריקגעגעבן די כלי פאר יענעם. אבער א ארימאן וואס האט געברענגט א פשוטען טאץ, האט דער כהן גענומען די ביכורים צוזאמען מיטן טאץ. און די גמרא (ב"ק צב.) זאגט דערויף, אז פון דעם זעהט מען, אז בתר עניא אזלא עניותא, פאר א ארימאן גייט אים נאך די ארימקייט. פאר דעם עושר האט מען צוריקגעגעבן זיין כלי, אבער דער ארימאן וואס האט געהאט קוים די פאר פירות וואס ער האט געברענגט, האט מען צוגענומען פון אים אויך די קארב.

**עס** שטייט פונעם פריערדיגן **בעלזער רב זי"ע** זייער א שיין ווארט. פארוואס קומט זיך עס טאקע, אז ווייל ער איז א ארימאן, וועגן דעם זאל מען צונעמען פון אים אויך דעם קארב. ביי אים שפילט דאך א ראלע יעדע פרוטה וואס ער האט, ווואלט מען דאך אים געדארפט צוריקגעבן די כלי. האט דער בעלזער רב געזאגט, אז רש"י (כו-טז) ברענגט צו, אז ווען א יוד ברענגט ביכורים פארן אייבערשטען, בת קול מברכתו, איז דא א בת קול וואס טוט אים בענטשען, און עס זאגט אים, הבאת ביכורים היום, דו האסט געברענגט ביכורים היינט, תשנה לשנה הבאה, דער אייבערשטער זאל העלפן, אז איבער א יאר זאלסטו קענען נאכאמאל ברענגען ביכורים.

**האט** דער בעלזער רב געזאגט, 'תשנה' איז נישט נאר טייטש דו זאלסט איבערחזר'ן דעם קומענדיגן יאר נאכאמאל, נאר 'תשנה' מיינט אז דו זאלסט 'טוישן'. ער האט אים געגעבן א ברכה, יעצט

דאס האסטו געברענגט ביכורים ווי א ארימאן, אבער דער אייבערשטער זאל דיך העלפן, תשנה לשנה הבאה, אז דעם קומענדיגן יאר זאלסטו אנדערש ברענגען ביכורים. דו זאלסט קענען ברענגען מער ביכורים, דו זאלסט קענען טוישן די ביכורים וואס דו האסט יעצט געברענגט.

**האט** דער בעלזער רב געזאגט, דער עושר וואס האט געברענגט ביכורים אין א זילבערנע כלי, גיט מען אים צוריק די כלי, איבער א יאר זאלסטו נאכאמאל ברענגען ביכורים אין די כלי. אבער דער ארימאן וואס האט געברענגט די ביכורים אין א פשוטע כלי, גיט מען אים נישט צוריק די כלי, ווייל מען וויל אז איבער א יאר זאל ער ברענגען ביכורים אין א אנדערע כלי. זאגט אים דער כהן, לאז דא די כלי, די כלי ווערסטו מער נישט דארפן נוצן, תשנה לשנה הבאה, איבער א יאר ווערסטו ברענגען ביכורים אין א אנדערע סארט כלי. נישט ווייל ער איז א ארימאן האט מען עס צוגענומען, נאר עס איז געווען א ברכה אין דעם וואס מען האט צוגענומען די כלי, צו ווייזען אז ער וועט מער נישט דארפן נוצן די כלי.

**האט** דער בעלזער רב געזאגט, בתר עניא אזלא עניותא, איז נישט די טייטש, אז נאך א ארימאן גייט נאך די ארימקייט. נאר בתר עניא, נאכדעם וואס א מענטש איז א ארימאן, אזלא עניותא, גייט אוועק די ארימקייט. דער אייבערשטער העלפט פאר א יוד וואס איז א עני, ווען ער טוט וואס ער דארף צו טון, העלפט אים נאכדעם דער אייבערשטער אז עס איז אזלא עניותא, אז די ארימקייט גייט אוועק פון אים.

**דאס** איז ביי פרי האדמה, עס איז אבער דא ביכורים ביי פרי הבטן אויך. א טאטע איז מגדל זיין קינד אזויפיל יארן, און ווען ער ווערט בר מצוה ברענגט מען אים אין בית ה'. מען האט מגדל געווען א קינד וואס זאל זיין ראוי פארן אייבערשטען. ער איז כורך עליו גמי, וואס עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז גמ"י איז די ראשי תיבות גדולים מעשי ה'. דער טאטע הארעוועט די אלע יארן פון ווען דאס קינד איז נאך א קליינע פרי, אז ער זאל אים קענען ברענגען שפעטער אינעם בית ה'. און ווען דער באשעפער העלפט אז ער ברענגט אים אריין אינעם כלל ישראל, דאס איז דער זמן פון הקרבת ביכורים.

**און** אז מען ברענגט ביכורים, איז בת קול מברכתו, קומט אראפ א בת קול, וואס וואונטשט אן דעם טאטען אויף די מצוה וואס ער האט געטון, אז דער אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל זיין א שינוי לטובה, אז דער קינד זאל שטייגען פון איין יאר צום צווייטען. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מחנך זיין אויך די איבריגע קינדער, און זעהן אסאך יודיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער. און מיר אלע זאלן זוכה זיין צו זעהן נחת ביי אונזערע קינדער, און האבן א גוט געבענטשט יאר, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שישי פרשת כי תבא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **יודא ארי'** נ"ו בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת כי תבא***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל הר"ר **יואל לאנדא** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי.

# **פרשת נצבים כ"ב – כ"ח אלול תשע"ו לפ"ק**

***יום ראשון פרשת נצבים – א' סליחות***

בשעות אחר הצהרים שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **ישכר דוב ליכטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם סעליש.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת מחותנו הרה"ג רבי **חיים אלעזר ראבינאוויטש** שליט"א ר"י מונקאטש, עב"ג בן הרה"ג רבי **אלעזר דוד פאללמאן** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת חי'.

*

***יום שני פרשת נצבים***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **שמואל בראקער** הי"ו (חתן הר"ר **אהרן הערש עלבאגען** הי"ו), שהתקיים בבית המדרש ראחמיסטריווקא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, הנסתרות לה' אלקינו, והנגלות לנו ולבנינו עד עולם, לעשות את כל דברי התורה הזאת (כט-כח). אין די מפרשים שטייט פארשידענע געדאנקען, וואס עס איז די פשט פון הנסתרות לה' אלקינו והנגלות לנו ולבנינו. עס קען זיין לענינינו וואס מען זיצט ביי א סעודת ברית מילה. מען ווייסט, אז מצות מילה איז פון די חשוב'סטע מצות וואס דער אייבערשטער האט אונז מצווה געווען. עס איז נכרתו עליה י"ג בריתות (נדרים לא:), עס איז א ברית שחתמת בבשרנו. כדי יעדער יוד זאל האבן א סימן, אז ער איז א חלק פונעם כלל ישראל, האט דער אייבערשטער ארויפגעלייגט אויף יעדן יוד א חותם ברית קודש, אז מען קען נישט אפלייקענען אז מען איז א יוד. און וואו מען גייט, און וואו מען שטייט, נעמט ער מיט, מיט זיך דעם חותם, אז ער איז א יודיש קינד, און ער דארף זיך האלטן צו די דרכי התורה. דאס איז דער פשוטער טעם פון מצות מילה.

**אין** מצות מילה איז אויך דא נסתרות, העכערע ענינים. עס שטייט אין **תיקוני זוהר** (תיקון כב סו.), אז ווען מען מל'ט א קינד, קומט ארויף אויף אים צוויי שמות. דער שם הוי"ה, מיטן שם שד"י. די צוויי שמות צוזאמען באטרעפט דריי הונדערט און פערציג, וויפיל דאסווארט ש"ם. שד"י איז דריי הונדערט און פערצן, און דער שם הוי"ה איז נאך זעקס און צוואנציג, איז צוזאמען איז עס ש"ם. וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך, ויראו ממך (דברים כח-ט). א יודיש קינד וואס איז גע'מל'ט, ער האט אויף זיך א חותם אלקים, דעם שם ה', ברענגט דאס צו אז ויראו ממך.

**קומט** אויס, אז מצות מילה האט אין זיך צוויי ענינים. עס האט א ענין וואס איז באהאלטן, מיר זעהן נישט, אבער מיר גלייבן, אז בשעת מען מל'ט א קינד, קומט אויף אים ארויף דעם אייבערשטענ'ס נאמען. - און וועגן דעם איז מען משלב א ברית מיט קריאת השם, מען גיט דעמאלטס דעם נאמען פארן קינד. פארוואס דארף מען רופן דעם נאמען בשעת דעם ברית, מען קען א נאמען געבן בשעת מען איז געבוירן, צו בשעת מען איז נכנס לעול המצות. נאר ווייל ביי א יעדן ברית מילה איז דא א קריאת שם, עס ווערט ארויפגעלייגט אויפן קינד אויך דער שם ה'.

**זאגט** מען, 'הנסתרות', די נסתרות פון מצות מילה איז, 'לה' אלקינו', אז עס קומט ארויף אויפן קינד דער ה' אלקינו, דאס איז די נסתרות וואס מיר זעהן נישט. 'והנגלות', די נגלות'דיגע טעם וואס ברית מילה איז, דאס איז 'לנו ולבנינו עד עולם לעשות את כל דברי התורה הזאת עד עולם', אז מען זאל געדענקן אז מען איז א יוד, סיי אין וועלכע מקום מען איז. וואו מען שטייט, און וואו מען גייט, איז מען אייביג מיט א חותם פונעם אייבערשטען.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אלעזר פאסטען** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך

התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת שווימער, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה.

*

***<u>יום שלישי פרשת נצבים</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף יהושע פליישמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**אתם** נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם וכו' (כט-ט). עס שטייט אין **אמרי נועם** (פרשת נצבים), אז 'אתם' איז א רמז אויף מצות מילה. די ווארט 'אתם', האט א מ"ם רבתי, וואס באטרעפט זעקס הונדערט, און צוזאמען מיט די אותיות א"ת באטרעפט עס טויזנט און איינס, אזויפיל וויפיל עס באטרעפט די פסוק 'וימל אברהם את יצחק בנו' (בראשית כא-ד). היום, גייט ארויף אויף ראש השנה, וואס דאס איז דער יום הדין. מיט וואס פאר א זכות זענען יודען זוכה אינעם יום הדין. 'אתם', מיט דעם וואס יודען זענען מקיים מצות מילה, וימל אברהם את יצחק בנו. 'נצבים היום', קען מען זיך שטעלן פארן אייבערשטען, ווען עס קומט דער היום, ווען עס קומט ראש השנה, ווייל די זכות פון מילה איז מגין.

**זאגט** ער ווייטער, נישט נאר יודען האבען די מצוה פון מילה, ישמעאל האט דאך אויך מצות מילה, די אראבער'ס זענען אויך מקיים מצות מילה, קומט דאך אויס, אז זיי האבן אויך א זכות אינעם יום הדין. די חילוק איז אבער, זאגט ער, אז א יוד איז מקיים מצות מילה לשמונה ימים, און ביי די אנדערע וואס זענען מחויב במילה, די קינדער פון אברהם, די בני קטורה, די זענען מחויב שוין ביום הראשון, עס איז נישט דא ביי זיי די דין פון יום השמיני.

אין א טאג איז דא פיר און צוואנציג שעה. אין אכט טעג איז דא הונדערט צוויי און נײַנציג שעה. אכט מאל פיר און צוואנציג, איז הונדערט צוויי און נײַנציג. קומט אויס, אז פון ווען א קינד ווערט געבוירן, ביז עס גייט אדורך אויף אים אכט טעג, ווען ער איז מקיים די מצוה פון מילה, איז דא הונדערט צוויי און נײַנציג שעה. נצבי"ם באטרעפט הונדערט צוויי און נײַנציג. זאגט ער, 'אתם', יודען זענען מקיים מצות מילה, 'נצבים', און זיי ווארטען שמונה ימים, מיט דעם זענט עטץ 'נצבים היום כולכם לפני ה''. אזוי שטייט אין **אמרי נועם.**

**און** מען בעהט אויך אזוי ביי די תפלות, זכור ברית אברהם ועקידת יצחק, לברית הבט ואל תפן ליצר. דער אייבערשטער זאל געדענקן די זכות פון מצות ברית מילה וואס יודען זענען מקיים. וואס איז די קשר וואס ברית מילה האט, אז מיט דעם וואס יודען זענען מקיים מצות מילה, זענען זיי נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם.

**אין** מדרש (תנחומא האזינו ד) שטייט, אז דאס וואס מען קען תשובה טון, ווען מען האט געזינדיגט, נוצט נאר ביי יודען, אבער ביי אומות העולם איז נישט דא קיין תשובה. ישא ה' פניו אליך (במדבר ו-כו), ולא לעכו"ם. נאר פאר א יוד איז דער אייבערשטער נושא פנים ווען ער טוט תשובה, אבער נישט פאר די אומות העולם. די מפרשים שטעלן זיך, אז עס איז נישט יושר, אויב פאר א יוד נוצט תשובה, פארוואס נוצט נישט קיין תשובה פאר א גוי. און אויב מען קען נישט מכפר זיין, און עס קען נישט נמחל ווערן מיט תשובה, דארף עס פאר קיינעם נישט נוצן. וואס איז דער חילוק, אז פאר יודען איז דער אייבערשטער יא נושא פנים, און פאר אומות העולם נישט.

**שטייט** אין די מפרשים, אז די טעם דערפון איז, ווייל באמת איז מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול (כתובות יז.), א מלך קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד. איז דאך אז מען רעדט אז מען האט געזינדיגט פארן מלך מלכי המלכים, וואס איז טייטש תשובה, אז איך האב חרטה אויף וואס איך האב געטון, א מלך קען נישט מוותר זיין. אבער יודען מיטן אייבערשטען זענען נישט אזוי ווי א מלך, נאר בנים אתם לה' אלקיכם (דברים יד-א), מיר זענען קינדער פארן אייבערשטען, און א טאטע

קען מוחל זיין אויף זיין כבוד. ביי אומות העולם איז דער אייבערשטער פאר זיי ווי א מלך, מלך אלקים על גוים (תהלים מז-ט), וועגן דעם נוצט נישט קיין תשובה. ווייל אז מען זינדיגט פאר א מלך, איז נישט שייך אז ער זאל מוחל זיין. אבער מיר זענען בנים לה' אלקיכם, מיר זענען קינדער פארן אייבערשטען, איז פאר א קינד קען מען מוחל זיין.

**וואו** זעהן מיר אז מיר זענען בנים למקום. פון דעם וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון מילה. וואס מילה איז א חותם צו ווייזען אז מיר זענען בני מלכים, מיר זענען אנדערש פון די גאנצע וועלט, מיר האבן א חותם פונעם מלך. אזוי ווי קינדער פון א מלך גייען מיט א מעדאל, וואס אנדערע האבן נישט, אזוי האבן מיר מצות מילה. די מצוה פון מילה ווייזט אז מיר זענען בנים למקום. און אז מיר זענען בנים למקום, האבן מיר א כח תשובה צו טון. איז ממילא ווען עס קומט דער יום הדין, און א יוד האט א הרהור תשובה, ער האט חרטה אויף וואס ער האט געטון, און ער איז מקבל אז מער וועט ער עס נישט טון, ווערט ער נמחל.

**'אתם',** דאס וואס יודען זענען מקיים מצות מילה, און זיי ווייזען מיט דעם, אז מיר זענען בנים למקום, אזוי ווי מען האט היינט געזאגט אין די סליחות, בין כך ובין כך קרויים בנים, מיר זענען שטענדיג בנים, אפילו ווען מען זינדיגט. איז 'נצבים היום כולכם לפני ה', קען מען זיך שטעלן פארן אייבערשטען. וועגן דעם איז נצבי"ם אויף די אותיות בני"ם צ', ווייל 'אתם' ווייזט דאך אויף מצות מילה, אז יודען זענען בנים למקום, איז וועגן דעם קענען מיר גרינג ווערן צדיקים. אפילו מען איז געווען א רשע, קען מען תשובה טון, ווייל אב שמחל על כבודו, איז כבודו מחול.

**וועגן** דעם זאגט מען, אז דער אייבערשטער איז נוצר חסד לאלפים (שמות לד-ז). ווייל מצות מילה איז וימל אברהם את יצחק בנו, און דאס באטרעפט טויזנט מיט איינס, דאס איז אלף מיט א', דאס איז לאלפים, צוויי אלפ'ס, אלף מיט א'. 'נוצר חסד', דער אייבערשטער היט דעם חסד, 'לאלפים', פאר יודען וואס זענען מקיים וימל אברהם את יצחק בנו, וואס דאס איז אלף מיט א', פאר זיי איז דער אייבערשטער נושא פנים.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר בארא פארק, לבית הרבני הנגיד רבי **אהרן הערש עלבויגען** הי"ו, שם שהה משך שעה ארוכה לקבל את קהל אנשי שלומינו לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***<u>יום רביעי פרשת נצבים</u>***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לבית הרבני הנגיד רבי **אהרן הערש עלבויגען** הי"ו, והמשיך לקבל את קהל אנ"ש לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***<u>יום חמישי פרשת נצבים</u>***

בשעות הצהרים שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **מנחם מענדל אייזיקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.

בשעות הלילה התקיים סעודת הילולא של **כ"ק מרן רבינו בעל עזר מיהודה זצוק"ל**. אחר הסיום על ידי הרה"ג רבי **מנחם פישער** שליט"א דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי, ודברי זכרון על ידי הרה"ג רבי **דוד יהודא הירשפעלד** שליט"א דומ"ץ מונקאטש (מאנסי), השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**ווען** מען הייבט אויף די ספר תורה זאגט מען, וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל, על פי ה' ביד משה. די ערשטע העלפט איז א פסוק (דברים ד-מד), וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל, די תורה האט משה רבינו געלייגט פאר יודען, און מען גיט צו, אז די תורה איז געגעבן געווארן על פי ה', מיטן מויל פונעם אייבערשטען, ביד משה, דורך משה רבינו.

**עס** קען אפשר זיין א כוונה דערין. מען געפונט אין סוף פרשת וזאת הברכה, ביי די הסתלקות פון

משה רבינו, זאגט דער פסוק (דברים לד-ה) וימת שם משה עבד ה', משה רבינו איז נסתלק געווארן. און מען גיט אים די טיטל, אז ער איז געווען א עבד ה'. אין די גמרא (ב"ב טו.) איז דא א מחלוקת, ווער עס האט געשריבען די פרשה פון וימת שם משה, צו משה רבינו אדער יהושע בן נון.

**איך** האב געזען שטיין פון **רבי יונתן אייבשיץ זיעוועכ"י** (הובא **במעינה של תורה** פ' וזאת הברכה, על הפסוק (לד-ו) ולא ידע איש את קבורתו), אז איינס פון די י"ג עקרים איז, אז מיר גלייבן באמונה שלימה, שכל התורה המצויה בידינו, היא הנתונה למשה רבינו עליו השלום. א יוד דארף גלייבן, אז יעדעס ווארט וואס שטייט אין די תורה הק', האבן מיר מקבל געווען פון משה רבינו. משה רבינו האט עס געהערט פונעם אייבערשטען, און משה רבינו האט נישט צוגעגעבן דערצו, און ער האט נישט אראפגענומען דערפון. מיר זענען מאמינים בני מאמינים אז די תורה איז נתונה מפי ה'.

**וואו** איז דא א ראיה דערויף, אז משה רבינו האט נישט געשריבן זאכן וואס איז נישט געווען על פי ה'. זאג רבי יונתן, אויב משה רבינו וואלט געוואלט נעמען כבוד פאר זיך, וואלט ער געקענט אויסלאזן די גאנצע פרשה פון וימת שם משה, אז משה רבינו איז נסתלק געווארן. קיינער האט נישט געזען ווי אזוי משה רבינו איז געשטארבן, קיינער האט נישט געזעהן ווי מען האט אים קובר געווען, עס איז נישטא קיין קבר, משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אויפן בארג, און ער איז נעלם געווארן. מען וואלט געקענט מיינען אז ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אויפן בארג, איז ער ארויפגעגאנגען לעבעדיגערהייט אין הימל, ער האט זיך אפגעזונדערט פון די וועלט. אבער משה רבינו האט יא געשריבן אין די תורה, וימת שם משה עבד ה', משה רבינו איז געשטארבן, ויקבור אותו בגיא, און דער אייבערשטער האט אים קובר געווען בגיא. אויב משה רבינו וואלט געוואלט עפעס מזלזל זיין אין די תורה, און ארויסברענגען זיין גרויסקייט, וואלט ער געקענט אויסלאזן די גאנצע פרשה פון וימת שם משה, און קיינער וואלט נישט געוואוסט אז משה רבינו איז נסתלק געווארן, און מען האט אים קובר געווען. און אז משה רבינו האט עס יא געשריבן, איז א סימן אז משה רבינו האט געשריבן אלעס וואס ער האט געהערט פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט אים געהייסען שרייבען וימת שם משה, האט ער געשריבן אז משה רבינו איז נסתלק געווארן.

**אין** די פסוקים פון וימת שם משה, ביז צום סוף, איז דא פיר הונדערט און אכט אותיות, כמנין זא"ת. אזוי שטייט אין **חתם סופר** (דרשות ח"א נב.). זאגט מען, 'וזאת התורה', די פיר הונדערט און אכט אותיות פון וימת שם משה ביז צום סוף, דאס לערנט אונז, אז דאס איז די תורה 'אשר שם משה לפני בני ישראל', און די תורה וואס משה רבינו האט געגעבן פאר יודען איז, 'על פי ה' ביד משה', דאס איז געגעבן געווארן על פי ה'. ווייל טאמער די תורה זאל נישט זיין על פי ה', נאר משה רבינו האט געשריבן וואס ער האט געוואלט, וואלט ער געקענט אינגאנצן ארויסנעמען די פרשה פון וימת שם משה. און אז משה רבינו האט עס יא געשריבן, איז דאס די סימן דערויף, אז על פי ה' ביד משה, אז די תורה האט ער מקבל געווען פונעם אייבערשטען.

*

**דער** פסוק רופט אן אז משה רבינו איז געווען א עבד ה', א עבד פונעם אייבערשטען. די גמרא (סוטה יג:) דרשנ'ט פון וימת שם משה, אז עס איז דא א גזירה שוה. דא שטייט דאס ווארט 'שם', און אויבן (שמות לד-כח) שטייט ויהי 'שם' עם ה'. לערנט מען אראפ, מה להלן עומד ומשמש, אף כאן עומד ומשמש. משה רבינו אפילו נאכדעם וואס ער איז נסתלק געווארן האט ער נישט פארגעסן פון יודען, נאר ער איז ווייטער מתפלל פאר יודען, און ער געדענקט יודען. אזוי ווי ער איז דארט געווען א משמש פארן אייבערשטען, אזוי איז ער אויך יעצט משמש אויבן אין הימל. דאס לערנט מען אראפ פון דעם פסוק וימת שם משה.

**די** גמרא (ברכות לד:) זאגט אויף רבי חנינא בן דוסא, אז ער איז געווען א אויסנאם אין תפלה. ווען ער האט געדאווענט פארן אייבערשטען, האט ער תיכף געוואוסט צו די תפלה איז נתקבל געווארן, צו עס

איז נישט נתקבל געווארן. אם תפלתי שגורה בפי, ווייס איך אז עס איז מקובל, ואם לאו, ווייס איך אז עס איז נישט מקובל געווארן. און עס איז כמעט נישטא אין ש"ס א אנדערע מימרא פון רבי חנינא בן דוסא, אויסער אפאר מעשיות מופתים פון רבי חנינא בן דוסא. אבער על כל פנים זיין ספעציאליטעט איז געווען אין דעם ענין פון תפלה.

**די** גמרא פארציילט דארט, אז רבי חנינא בן דוסא איז געגאנגען לערנען ביי רבי יוחנן בן זכאי, רבי יוחנן בן זכאי איז געווען זיין רבי. און רבי יוחנן האט געהאט א קינד, וואס איז ליידער נישט געזונט געווארן, האט ער גערופן זיין תלמיד רבי חנינא בן דוסא, און ער האט געבעטן דעם תלמיד אז ער זאל מתפלל זיין פארן קינד. און פאר די רעבעצין פון רבי יוחנן בן זכאי האט עס נישט אזוי געפאסט, אז דער רבי אליין קען זיך נישט א עצה געבען, ער קען נישט מתפלל זיין, און ער גייט רופן א יונגן תלמיד. ער איז נאך געווען דעמאלטס גאר יונג, ער איז נאך געגאנגען לערנען תורה ביי רבי יוחנן בן זכאי. און זי האט אים פארגעהאלטן ווי אזוי קען זיין, אז די תפלה פון רבי חנינא בן דוסא איז גרעסער פון דיר, זיין תפלה וועגט איבער דיין תפלה.

**האט** ער איר געזאגט, ניין, נישט ווייל ער איז גרעסער פון מיר, נאר איך בין אזוי ווי א שר לפני המלך, און ער איז אזוי ווי א עבד לפני המלך. א שר קען נישט שטענדיג אריינקומען צום מלך, ער דארף האבן א אפוינטמענ"ט ווען ער קען אריינקומען צום מלך. און דער קעניג נעמט אים אויף, איינמאל יא איינמאל נישט, אין די צייט אדער אין יענע צייט. אבער דער באדינער פונעם מלך, דארף נאר אנקלאפען אינעם טיר, און ווען ער וויל קלאפט ער אויפן טיר, און ער גייט אריין, און ער טוט וואס ער דארף, און ער גייט ארויס. דער עבד פונעם מלך איז נאנטער צום מלך, ווי דער שר פונעם מלך. ער האט מער צוטריט צום מלך ווי דער שר. האט רבי יוחנן בן זכאי געזאגט, אז איך בין אזוי ווי א שר פונעם מלך, א שר איז גרעסער ווי דער עבד, אבער אין די נקודה אז איך זאל קענען צוקומען צום אייבערשטען, און מתפלל זיין ווען איך וויל, איז ער אזוי ווי די בחינה פון א עבד.

**איך** האב אמאל געטראכט, ווען א שר קומט פארן מלך, מוז ער קומען מיטן גאנצן גינוני מלכות. ווען ער רעדט צום קעניג, מוז ער רעדן ווי עס פאסט צו רעדן פאר א מלך. און ווען ער רעדט, דארף זיין אויסגעמאסטען יעדעסווארט ווי אזוי מען זאגט עס. מען קען נישט רעדן קיין איבריגע דיבורים, ער קען נישט אריינשמאגלען דיבורים וואס איז נישט אויפן פלאץ. אבער דער באדינער פונעם מלך, דער קען רעדן צום מלך וואס ער וויל, און ער קען בתוך הדברים אריינשמאגלען פארן מלך וואס ער וויל אז דער מלך זאל הערן, און וואס ער זאל נישט הערן, ווייל ער איז א באדינער, אלעס וואס ער רעדט איז אום-עמטליך. האט רבי יוחנן בן זכאי געזאגט, איך בין אזוי ווי א שר לפני המלך, איך קום אריין צום מלך אזוי ווי א שר קומט אריין, איך קען פארלאנגען וואס איך וויל, און איך קען בעטן וואס איך וויל, אבער עס איז דא א געוויסע מרחק צווישן דעם מלך און דעם שר. אבער רבי חנינא בן דוסא איז אזוי ווי א עבד פארן מלך, דער עבד האט אלץ א געלעגענהייט, ווען ער זעהט אז דער מלך איז גוט אויפגעלייגט, און מען קען יעצט אראפלייגען וואס מען וויל, קען ער גרינגער פועל'ן מיט זיין תפלה, ווי דער שר.

**איך** האב געזען אמאל שטיין, אז מען האט אמאל אויפגענומען א גדול בישראל אויף א פאסטן. און איינע פון די צדיקים האט אים געזאגט, אז די גמרא (הוריות י:) זאגט, כמדומין אתם ששררה אני נותן לכם, עבדות אני נותן לכם. עס איז נישט א שררה, נאר א עבדות. די פשוטע פשט איז, אז די גדולה וואס ער האט, איז נישט כדי ער זאל זיך משתרר זיין אויפן קהל, נאר ער זאל באדינען דעם קהל.

**האט** ער געזאגט, כמדומין אתם ששררה אני נותן לכם, איך געב דיר נישט אז דו זאלסט זיין אזוי ווי א שר לפני המלך, און ווען עס וועט קומען מתפלל צו זיין אויפן ציבור, וועסטו נישט קענען מתפלל זיין. נאר עבדות אני נותן לכם, איך געב דיר אז דו זאלסט זיין אזוי ווי א עבד לפני המלך, און א עבד לפני המלך קען אייביג מתפלל זיין, און זיינע תפלות ווערן אנגענומען. לא שררה אני נותן לכם, איך געב ענק נישט די שררה וואס איר האט, אז איר זאלט

זיין ווי א שר לפני המלך, נאר עבדות אני נותן לכם, איך געב ענק די שררה כדי איר זאלט קענען זיין א עבד, אזוי ווי מען געפונט ביי רבי חנינא בן דוסא, אז זיינע תפלות זענען נתקבל געווארן.

**מען** זאגט אין די הייליגע טעג ביים דאווענען, היום הרת עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים וגו', אם כבנים, רחמנו כרחם אב על בנים, ואם כעבדים, עינינו לך תלויות, זענען אונזערע אויגן אויפגעהויבן צו אייבערשטען, עד שתחננו ותוציא כאור משפטנו. מען זאגט ראש השנה, היום הרת עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים, דער אייבערשטער איז דן די וועלט, ער איז פוקד כל יצורי קדם, דער אייבערשטער טוט דן זיין יעדן איינעם, צדיקים, רשעים, בינונים, אלעס קומט פארן מלך. זאגט מען פארן אייבערשטען, 'אם כבנים', אויב אונזערע צדיקים זענען אזוי ווי קינדער ביי דיר, דארפן מיר נישט קיין סאך בעטן, ווייל רחמינו כרחם אב על בנים, א טאטע האט רחמנות אויף א קינד, און ער גיט אליין פארן קינד וואס ער פארשטייט אז ער דארף צו האבן. 'ואם כעבדים', טאמער זענען אונזערע צדיקים אזוי ווי עבדים, האבן זיי אויך א מעלה, ווייל א עבד קען פועל'ן ביים מלך, מער ווי א שר קען פועל'ן ביי א מלך. איז 'עינינו לך תלויות עד שתחננו, ותוציא כאור משפטנו', זאל דער אייבערשטער אונז חונן זיין, ווייל עבדים קענען מער צוקומען צום מלך, ווי א שר קען צוקומען צום מלך.

**און** דאס איז געווען משה רבינו, משה רבינו איז געווען א עבד ה'. ער איז נישט געווען ווי א שר לפני המלך, כאטש ער האט זיך געדרייט ביים אייבערשטען, ער איז געווען דער גרעסטער וואס כלל ישראל האט געהאט, ולא קם נביא עוד בישראל כמשה (דברים לד-י), אבער ווען עס איז געקומען אז ער האט געדארפט פועל'ן ביים אייבערשטען פארן כלל ישראל, ויחל משה את פני ה' אלקיו (שמות לב-יא), יעדע מאל וואס עס איז געווען א חרון אף אויף יודען אויבן אין הימל, איז ער תיכף געווען דער מתווך וואס האט אויסגעפועל'ט ביים אייבערשטען וואס מען דארף. האט אים דער אייבערשטער געגעבן דעם טיטל, אז ער איז א עבד ה'. ער איז נישט אזוי ווי א שר לפני המלך, נאר ער איז אזוי ווי א עבד לפני המלך, וואס א עבד לפני המלך קען פועלן מיט זיין תפלות וואס מען דארף.

**וועסטו** מיינען, אז ער איז געווען א עבד לפני המלך, נאר ווילאנג ער איז געווען אויף דעם עולם, אבער ווען ער איז צוריק ארויפגעגאנגען אויף יענע וועלט, איז ער געווארן אזוי ווי א שר לפני המלך, ער האט זיך אפגעזונדערט פון די וועלט, אזוי ווי א שר וואס איז עומד ומשמש פארן אייבערשטען. זאגט מען, ניין, וימת שם משה עבד ה', פון וימת שם משה לערנט מען אראפ, אז מה להלן עומד ומשמש, אף כאן עומד ומשמש. אפילו ווען עס איז 'וימת שם משה', אפילו ווען משה רבינו איז געשטארבן, 'עבד ה'', איז ער געבליבן א עבד ה', וואס א עבד קען שטענדיג אריינגיין צו זיין אדון, און בעטן וואס מען דארף.

**דער** רב ז"ל איז נישט געווען אין די בחינה פון שררה אני נותן לכם, נאר עבדות אני נותן לכם. מען האט פריער געהערט די תפלות וואס ער האט מתפלל געווען פאר יעדן איינעם, מיט השתפכות הנפש. און גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם (חולין ז:). ער איז נסתלק געווארן אין ראש השנה, א טאג וואס יודען דארפן האבן זכותים. עס שטייט אין די גמרא (ברכות סב:), אז דער אייבערשטער האט געזאגט, טול לי הרב שבהם, שיש בו ליפרע כמה חובות וכו'. ער איז נסתלק געווארן אין א יום הדין, ווען מען דארף האבן איינעם וואס זאל זיין עומד ומשמש אין הימל, און בעטן פאר יודישע קינדער. זאל ער ווייטער אויך זיין א מליץ יושר פאר אלע תלמידים, און די גאנצע קהלה, און פאר אלע וואס האבן געלערנט ביי אים, און פאר אלע וואס גייען אין זיינע דרכים.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען אריינגיין אין די הייליגע טעג מתוך שמחה וטוב לבב, דינען דעם אייבערשטען מיט חדות ה' היא מעוזכם (נחמיה ח-י). פון איין זייט איז עס א יום הדין, און פון די אנדערע זייט דארף מען וויסען אז מען איז עומדים לפני המלך. עס איז נישטא א גרעסערע זכיה ווי מען קען זיך שטעלן פאר א טאטן, נאנט קומען צום אייבערשטען. מען זאל קענען אויסנוצן

די טעג מיט תפלה, מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען. וואס מען דארף, און וואס מען האט אינעם הארץ, זאל מען אלעס ארויסזאגן מיטן מויל. יעדע קלייניגקייט וואס פעלט, דארף מען אויספועל'ן אין די טעג. וואס מען כאפט יעצט אריין, האט מען אויף א גאנץ יאר. כל מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה ועד ראש השנה (ביצה טז.).

**דער** אייבערשטער זאל געבן אז מיר זאלן קענען מתפלל זיין, הב לן שאילתין ובעותין, דער באשעפער זאל אונז געבן די ווערטער אין מויל, אז מיר זאלן קענען דאווענען און מתפלל זיין פארן אייבערשטען. און די צדיקים אויבן זאלן זיין עומדין ומשמשים, אריינברענגען אונזערע תפלות פארן רבונו של עולם. און מיר זאלן אלע געבענטשט ווערן מיט א גליקליך יאר, און א פרייליך יאר, מיט אלע רפואות און ישועות וואס יודען דארפן האבען. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.